1a (8)

1971-3

~~Agostinelli~~
~~(Florence)~~ H. Goldberg
~~Artists~~ ~~Biographies~~
~~+ item~~
Autobiography

PIONEER ART MANIFESTO NO. 1
Sent from A. Cascone Gallery
830 Yonge Street
Toronto, Ontario, Canada

PRINTED MATTER ONLY
BOOK

Buying chickens for atonement.

The end's already nigh to sorrow, grief and every sigh; God is smoothing the way with good wishes and flowers.

Be blessed, our children! In the coming New Year, you will be the crowning glory of our people, you are the flag bearers!

preparing a postcard. The "actors" were posed in a studio setting that reproduced the interior of a Jewish home; the artist completed the picture by drawing in additional elements and retouching the photo. Finally, a short verse of Yiddish greetings was appended. Generally, the postcards were issued in three versions: colour, sepia, and black and white.

With their staged studio photographs and added drawn-in elements, the postcards help us become acquainted with the Jewish way of life in Poland. The photographs on the cards have a distinct documentary value and they are singular because they represent a type of popular art that was very prevalent among Jews and yet depended, to a great extent, on the mass production methods of the time. They offer us a glimpse of how Jews lived in Poland, as seen through the eyes of their contemporaries: the fashions and manner of dress, the mood of the people and their cultural tastes, the artists and prominent figures held in high regard by the general public and whose works and portraits were chosen to decorate the walls of the Jewish home.

By the turn of the century, some religious circles in Germany and Poland levelled criticism against the adoption of "foreign" fashions, primarily against the waste of money that this enterprise represented. Yet the extensive circulation of these postcards and the variety of styles attest to the large segments of the Jewish population, traditional and secular alike, who sent and enjoyed them. Today, all too often the postcards are the only documentation of a work of art that was lost or of a building that was destroyed during World War II.

New Year cards designed by Haim Goldberg, published by "Yehudia" Publishers, Warsaw, 1912-1918 (texts translated from Yiddish).

TOP OF PAGE

-- Home -- GO Add Quicklink to this page

M.F.A Map Index Search Personalize Feedback Info/Help

Copyright (c)1999 The State of Israel. All rights reserved. Terms of Use Use of Cookie

Here come days of light and happiness. God is pouring out His plenty upon you. The pails are overflowing with His goodness - and we're ready to receive them.

This New Year, all your wishes are cast in the lottery. Good fortune awaits all that your heart yearns for.

O, Heavenly doctor! Who heals all hurts, give us good health in plenty, give us renewed strength!

At the beginning of the 20th century, Warsaw was the hub of the Hebrew printing and publishing industry in Poland and Russia. Numerous Jewish publishing houses were in operation, including Jehudia, Altneuland, Lebanon, Sinai, Central and S. Resnik. The growing demand for postcards aroused keen competition among the publishers, and this generated a broad array of postcards, diverse in style and content. Many publishers - chiefly in eastern Europe - maintained an attachment to Jewish tradition and culture. In the German-speaking countries, the style and content of the postcards were less specifically Jewish in nature, and they depicted, among other things, inventions and innovations, like the airplane or zeppelin.

Postcards were inexpensive and accessible to all and, from the 1890s until the late 1930s, were an important means of communication, especially between family members who remained in eastern Europe and those who had emigrated to distant lands. Undoubtedly, the postcards, which were also circulated in America, made the new immigrants nostalgic for the old world and for the towns of their birth. They were also a source of education, pleasure and entertainment, and occasionally served as a voice of propaganda, at a time when illustrated newspapers were still in the embryonic stage and picture albums were not easily obtainable.

Most of the postcards that illustrate this article were printed by Jehudia Publishers in Warsaw between 1912-1918. They were originally part of a unique album of 249 postcards, discovered during construction work in the ruins of the Warsaw Ghetto. The album is now preserved in the collection of the National Library in Warsaw. Many of the postcards are signed by the artist Hayyim Goldberg, who perished in the Holocaust. These greeting postcards - staged photographs - portray the Jewish way of life in the early 20th century, combining an attachment to Jewish tradition with the message of Zionism. Many of the postcards depict the actual sending of the greetings, and a number express the ideals of the Zionist movement as well as emigration to America - subjects which engrossed the Jewish people during that period. Some of the postcards have a humorous slant; some, a romantic air. A dominant subject is the yearly Jewish life-cycle; others depict scenes of everyday life or illustrate typical Jewish occupations and livelihoods.

Staging the photograph was the first step in preparing a postcard. The "actors" were posed in a

Facts About Israel
Foreign Relations
Israel at 50 & Beyond
Government
Law
Personalities
Peace Process
Culture
Economy
Religion

HOME
PERSONALIZE
MAP
INDEX
FEEDBACK
INFO/HELP

Quicksearch
GO GET IT
Powersearch

Shanah Tovah! – "A Happy New Year"

Jewish picture postcards - a craze that swept Europe a hundred years ago

Rachel Schnold

Lehayim, brother! May God grant us a year of good fortune, health and long life!

If you lack for something and your livelihood could be better, if you lack the funds for a bride's dowry, the cashier of heaven is granting Jews their wishes today, her gifts are ready for everyone.

Leshanah tovah tikatevu: "May you be inscribed for a Happy New Year." This Hebrew blessing, often heard at *Rosh Hashanah*, the Jewish New Year, was prevalent in writing as early as the 14th century. At that time, Rabbi Jacob HaLevi ben Moses Moellin proposed adding the words to every letter sent before the New Year, throughout the month of *Elul* (August-September) - a custom which has been perpetuated now for hundreds of years. Since the first half of the 19th century, people have been sending greeting cards for the New Year, but the practice existed in other forms even earlier.

Postal cards were first issued in Vienna on October 1, 1869, but only when picture postcards appeared in Germany around 1889, did they become widely popular. This popularity stemmed primarily from a reduction in postage - mailing a postcard cost about half as much as a stamp for a letter - and it was also influenced by the development of new photographic processes. The circulation of postcards reached its peak between 1898 and 1918, when the postcard craze swept across Europe.

The first postcards issued with the Jewish public in mind were unillustrated greeting cards for Rosh Hashanah, printed in Germany around 1879. When picture postcards specifically geared to the Jewish market appeared in about 1897, their use became widespread. This was also due to the vast waves of emigration to America by east European Jews. Even then, postcards were more than just a means of communication; collecting them became a hobby, and special albums were sold in which to arrange and keep them.

ציגאנעריע

חגי

אביסל ביגאם

צאַנעריע

אַביסל בּיגאָס

פון „קאָאָפּעראטיוון רעסטאָראן"

(„באַר-מעטראָפּאָל")

שאַרזשן

פון

חגי

װאַרשע 1931

די בלאָנדע ציגײַנערינס —
די שוועסטער טאָשע און מאַליע
[redacted] צו אַ מתּנה

שער־בלאַט און וויניעטן פון ח. גאָלדבערג
קלישן: „גראַפיקאָן", מאַרשאַלקאָווסקאַ 131
זאַץ: „הומאַניטע", שוו. יערסקע 32
דרוק: י. הענדלער, דלוגע 26

CYGANERJA / CHAGI
Druk. Uniwersalna (Hendler)
Warszawa, Długa 26

לינקע, רעכטע, פראַנט און קבצן —
אַלע מוטלען דאָ עגאַל,
אין דעם דאָזיקן לאָקאַל,
קוואַטשן וועגן קונסט און פרייהייט,
וועגן אַרבעט, קאַפּיטאַל, —
אַ ל ע ז ע נ ע ן ר אַ ד י ק אַ ל !

רויטע, בלויע, פראַנט און קבצן —
ס'איז קיין חילוק נישט... און דאָך:
ער, דער צ וו אַ נ י אַ ק, פרעסט דעם בייגל,
דער שלימזל — קייט דאָס לאָך!...

כ׳זאָ, אַזוי נישט וויסן פון קיין צער
ווי כ׳ווייס נישט, פאַרוואָס ד ע ר באַר
רופט זיך „פראָלעטאַריש״ ? —
צי ווייל מען מאַכט זיך נאַריש
טומלענדיק ביי ליידיקע קעלישקעס,
און מען פילט אָן די קישקעס
מיט אַלטע בוטערשניטן,
וואָס פאַרטרייבן די אַפּעטיטן,
מיט זויערן „גולאַש״,
וואָס מאַכט אייך פאַר אַ חלוש,
און תיכף נאָכן געניסן
איילט איר איבערגעבן גריסן
אויפן גענשער בית־עלמין
דעם זעליקן מ י כ אַ ל ע וו י ט ש און דעם חבר ק ל מ ן ?...

און אפשר האָט דאָס אַ שייכות
מיט די שמעקנדיקע ריחות
פון די ביליקע פּאַפּיראָסן
און דעם שווייס פון חברטעס, וואָס זוכן אַ חתן ?...

אַבּיסל בּיגאָס

אָדער גאָר צוליב דער באַנדע,
די ליבּ-האַרציקע „באָסע-קאָמאַנדע":

זשאַק לעווי דער פּרוש, וואָס האָט פיינט אַ נאַש,
נאָר סתם אַזוי נעמט ער רח"ש
פון יעדן פלעשל י"ש,
און ווייל ער נויטיקט זיך אין אַביסל „באַש"
צומזיקט ער נ אַ ד י ר ׳ ן און ש ל ו ם אַ ש,
און וואו אַ שטעטל און אַ דערפל
שאַכערט ער מיט ה אַ ל פּ ע ר ן און מיט פ ר אַ נ ץ ו ו ע ר פ ל.

דער מטיף *מאַלקין* מיטן שמחת-תורה-בּערדל,
וואָס זוכט אויף אונזער זינדיק ערדל
עפּיס אַ פּראָלעטאַרישע שטעלונג,
נאָר געפינט נישט — קיין קנעלונג...

אייסוראָוויטש דער טוריסט, וואָס שפּרייזט מיט התפעלות
איבער בערג און איבער סקאַלעס
מיט זיינע ספּאָרטלער און „רוסאַלקעס",
לייגט שלאָפן זיך אויף דער „יונגפרוי" און שטייט אויף ביי די גוראַלקעס

דער ל ו י פ ע ר *שווייגער* מיט דער טעקע,
וואָס מאַכט שנעלער, ווי נ ו ר מ י, דורך אַ שטרעקע,
באַשטעלט אַ קאַווע אויף טרעמבּאַצקע
און צוקערט אָפּ זי אויף טלאָמאַצקע.

חגי

דער טיי־באַקכוס און כאָר־מייסטער —
שניאור הייסט ער,
וואָס זיצט פאַרחלומ׳ט און פאַרגאַפּעט.
חברה זאָגן: ר׳איז פאַרליאַפּעט,
נאָר ער ווייסט נישט, אין וועמען און אין וואָס:
אין אַ מונדשטוק פון אַ אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס?
צי אין אַ כשופדיקער טשייקאָווסקי־גאַמע?
אָדער גאָר אין אַ דאַמע,
אַ „שעכערעזאַדע״ פונם באַר?
שטילט ער דעריבער זיין צער
און „פּאַטעטישן״ ווייי
מיט טויזנט־און־איין טיי,
און זיין בענקשאַפט־טרער ווישט ער אויס דיסקרעט
מיט אַן אַלטן טראַמוויי־בילעט...

דער קאָרעקטאָר *מנחם־מענדל הורוויץ* מיט די קאָמפּאָטן,
וואָס געפינט גרייזן אין דער פוטער און אין די שפּראָטן,
און זידעלט די קעלנער — די האָטענטאָטן,
דערביי ווערט ש נ י א ו ר מיט קללות אָפּגעשאָטן:
הלמאי האָט ער פאַרטאַכלעוועט פון „חי־העם״ די נאָטן,
פאַרפּאַקט אין זיי די וועש און די בעל־בית׳טעס טריקאָטן!...

דער נישט־סענאַטאָר *מענדלסאָן* און דאָנאַ *קלאַראַ*,
וואָס סדרן ביי זייער טישל און זייער קערה

אביסל ביגאָס

באַזונדער, ביחידות,
און האַלטן־אונטער ידידות
מיט יענקעלע דאַנציקער און מיטן מלכּי־צדק –
„פּאַן־עדעק“.

קאָלעגע ד״ר *פּיזשיץ* און פּאַננאַ *סטאַשאַ*,
וועלכע לעזן אונז די האַרבע קשיא:
וואָס איז דער תּמצית און קווינט־עסענץ
פון פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ, –
אַ רעבוס פון אויסגעריבענע שוועבעלעך,
צי אַ טעלער קאָאָפּעראַטיווע לעבערלעך?...

הערשל הימלפאַרב, וועל „יאָקים־בים־באָם“,
וואָס איז דער סימבאָל
פון וועלטליכקייט און „מעבר־יבוק“,
קלאַסן־קאַמף, בטלנות און שמעק־טאַבאַק.
ער שמאַיעט ביים שאַך־ברעט, ווערט אַ חזן, אַ בעל־קורא,
מאַכט כאָציאַלע־רעוואָלוציעס מיט פּסוקים פון הפטורה,
און מיט „עוזר דלים, הושיעה נא“ מאַכט ער אונטערטעניק
די „קעניגין“ און דעם „קעניג“...

מעצענאַס *ערליך* און ראַטמאַן *אַלטער*, — דער „פּני“
פון דער פּאַרטיי.
צווישן „אַדריאַ“ און „זשעמיאַנסקע“

הגי

שטאַטן זיי אָפּ אין „באַר־קאַבצאַנסקי"
אַ קליין וויזיטל,
און האַלב־חבריש, האַלב מיט ביטול
באַשיינען זיי דעם פּראָלעטאַרישן טיש
לשם פּרעסטיזש...

קאַגאַנאָווסקי וואַרפט ממזרישע בליקלעך
אויף די באַר־„אַנטיקלעך",
לויפט אַהער און אַהין,
צייכנט אַ שקיץ פון י ע נ ט ע „דאָס שיינע מין",
און ווען עס „דאָליעגעט" אים נישט דער מ אָ ג ן
טוט ער אַריינזאָגן
אַביסל פיינעם הומאָר,
אַ מעשה פון אָדעס און פונם „שור־הבר",
און צו באַטעמ׳ען דאָס נודיעכץ און דאָס קלעק
פון די שלעק —
שיט ער שאַרפזין־זאַלץ אויף זייער בטלנישן עק...

דער „פּראָלעטאַריער" *טרונק* זאָגט אַזוי צוזאָגן:
„נאַט ענק אַ גראָשן פאַרן גאַנצן קלאָגן
איבער דער פאַראָרימונג פון די קלאַסן,
דאָס זענען קליין־בירגערלעכע פּרעסע־גרימאַסן;
דער עיקרשט איז: דער גייסט, דאָס „געוויסן" פון די מאַסן!
וואָרום על־פּי נויט

אַביסל פּיגאָס

קאָן מען דאָך עסן ברויט
מיט רעטאַך״... —
מילא, איר זעט׳אַך!...

ווייסענבערג פּראַוועט טיש מיט זיין סוויטע
און דערקלערט דערביי זיין שיטה:
„אַ פייער זוכט זיי, די גנבה׳שע יאַטן,
די שייקע טלאָמאַצקער דעגענעראַטן,
מיט זייער אַש׳ן, אָפּאַטאָשו׳ן און איבריקע „פּאַלסיפיקאַטן״!
וואָרום, וואָס טויגן די אַלע דעבאַטן
וועגן דער ירידה פון ליטעראַטור און ליטעראַטן,
אַז סך־הכּל איז דער גאַנצער משא־ומתן,
מיטן טומל, מיט דער גראַטשקע,
בלויז אַ נחמן־מייזל־קאַטשקע!
ס׳איז אַן ענין פון אַביסל „פינאָסע״
פאַר דעם געלן פרשנדתא,
פאַרן פּרעהיסטאָרישן ויזתא,
און פאַר ווייס איך ווער, -
נישט מער!״

זיין פליגל־אדיוטאַנט *באָרנשטיין* אָדער *שטיין*,
(גרויס מסתּם אין איכות, ווייל אין כּמות קליין...),
ער באַמקעט: „מה נאמר ומה נדבר?
רבי ווייסענבערג שליט״א איז אַ גרויסער מחבר!

אונ מיטן כוח פונם רבין און מיט זיין ברכה
וועלן מיר אי"ה פירן דעם קאַמף, אויפרודערן די געסראָכע,
פון „פען-קלוב" און פון דער צ ײ ט ל י ן-משפּחה,
אפשר וועט ביישטיין די הצלחה
און פון די אַלע זיבן זאַכן
וועט זיין שבת צו מאַכן...

טיקאָטשינסקי, דאָס ריכטיקע מאָלער-בלימל,
מיט דעם הויף-דיכטער *שימל* —
כסדר נאָר זיי וואַנדערן
פון איין טישל צום אַנדערן.
דער ע ר ש ט ע ר נודיעט מיט פוילע וויצלעך,
פאַטשקעט דריידערלעך און שקיצלעך
אויף פאַפּירענע סערוועטן;
דער צ וו י י ט ע ר דעקלאַמירט סאָנעטן
און גיסט-אויס זיינע דיכטער-ליידן
פאַר מיאוסע מיידן...

דער „כל-בוניק" *גאָלדשטיין* שוויצט איבער גראַמען
וועגן אַקושערקעס און וועגן אַמען,
שרייבט שמד'שטיק-נאָטאַטקעס
פון דער „אגודה" און פון ברודיקע גאַטקעס,
און „שטשעקעט" — אוי לאזנים! —
על „הבונד" ועל ירושלים.

אפּיסל פּיגאָ

קאַנטאָראָוויטש דער „פּע-צעק"
האַלט אין איין אַרומזוכן דעם עק
פון זיין „ששים-רבוא"-פּאַרטיי,
ס'הייסט: די חברים צוויי
און די פאַרזשאַווערטע
האַלבע חברטע...

דער קינסטלער *חגי*
קומט מיט אַ נייער בליאַגע:
באַשר-בכן
נישט מאַקדאָנאַלד, נישט דער „בעקער-פּאַריין",
נישט דאַנציגערקראָן, נישט מוסאָליני,
נישט מאָסקווע, נישט פּאַלעסטינע,
נישט אַפילו די ספּעקטאַקלען פון דער וואַרשעווער גמינע
מיט דעם אַגודה'שן העלד –
וועלן ראַטעווען די וועלט
פון קריזיס-חלף;
לא מיט אַן אַלף!
„די לאַגע –
דערקלערט חגי –
קאָן געלינדערט ווערן נאָר אויף איין אופן:
ווען אַלע יידן וועלן קויפן
די קינסטלערישע *„אַפּעלבוים-אויסגאַבע"*!
(ווי זאָגט דער מדרש-רבה:
ועט, לכל-הפחות, זיין עולם-הבא).

די „שטודיע״־לייט פון ווייכערטס ערשטער בריגאַדע:
פּאָזנאַנסקי דער בראָדיאַגע,
וואָס נאַשט „ראָלן״ אָנשטאָט זעמל;
קורלענדער, אַ יונג מיט אַ קינסטלעריש פּלעמל,
פּאַראָדירט ממזריש אַרנאָלדן און קוני־לעמל.
ברעגמאַן, אַ וואוילער חברה־מאַן, האָט אָבער אַ חסרון:
„זאַוואוּד – אַרטיסטאַ״, – אַ בראָך צו די יאָרן!
בירנבוים, דער אמת׳ער „נאַש־בראַט״,
האַלט־אונטער דעם פּראָלעטאַריאַט,
נאָר אַ שטיקל הולטאַי דאָך:
טרינקט טיי אינמיטן דער וואָך
און שלאָפט אויף 2 וואַליזקעס...
הירשפעלד, אַנ׳אַקטיאָר מיט פּיסקעס.
ווען ער האָט – זאָגט ער – אויף אַ טעלערל קליסקעס,
הערט ער אויף צו קייען „וויקאָלאַטשקעס״
און שפּילן „קונסט״ פאַר די פּראַטשקעס,
נייערט, ער ווערט גלייך מיט אַלע –
אַ „דראָנג״ אין טעאַטער „סקאַלע״!

שושנה, – אַ ווייבל אַ „צאַצקע״,
האַלב־וויטיש, האַלב־ליטעראַצקע:
קאָקעטירט אויף די בינע־ברעטער,
גייט אַליין זיך אויף אַ סוועטער,
מאַכט אַ קוגל – איז פעט ער,
שרייבט עצות פאַר ווייבער אין די בלעטער,

אבּיסל ביגאָס

און אַז עס ווערט איר נמאס,
פאַרשמעלצט זי דעם צימעס
אין אַרבעטער-באַר
מיט אַן אָ פּ גע ד אַ ו נ ט ן „סטאַר",
הערט אַ געפעפערט ווערטל
און כאַפּט אַ צערטל...

ועל כולם דער סטאַר פון די סטאַרן *אינוועטאַזש* —
אַ ר י ר ע ו ו ד י ק ע ר ן לייגט מען אויפן צמענטאַזש...

עלבוים'ל דער קרענטאַזש,
אַ פּיפּיקער יאַט;
ווילט איר — מאַכט ער בלאַט
מיט חברה „טשאַיניק-האַקער" —
ווערט אַ צייטונגס-טשאַקער;
ווילט איר — האַנדלט ער מיט „קינץ"
אויף דער פּראָווינץ,
מאַכט אַביסל „מינץ"
פון קאָנפעראַנסיערקע-קוואַטש,
בשותפות מיט נאָך אַ יונגאַטש;
חוץ דעם, אַרבעט ער פלייסיק
אין דאַמסקין „עסק"...
אַ בלאָפער איינער...
קורץ: אַ ל אָ ד ז ע ר מיט די ביינער!

לערמאַן דער „דאָן-זשואַן",
דער טאַנגאָ-מעלאָמאַן
האָט טענות צו דער קאַפּעליע פון רעסטאָראַן:
צום טייוול — ס׳אַראַ דזשאַז?
אָן ברען, אָן עקסטאַז;
קיין „טריק" קיין רעכטער!
עלעהיי זיינע „חסידישע טעכטער",
אָדער זיינע מעשיות די פּיקאַנטע
וועגן „מאַניקוזשיסטקעס", כאָריסטקעס עלעגאַנטע,
אַטלעטן, וואָס ברעכן אייזן,
פּאָשאָף און ריבאייזן, —
וואָס ער באַקט טעגלעך אין „עקספּרעס"
פאַר „משה טעס"...

די ספק-סוחרים, ספק-„רעדאַקטאָרן",
די וויין-דירעקטאָרן
ברידער *זילבערמאַן*,
ווענען ס׳גענוגט נישט דער אייגענער קראַן
פאַר זייער „פּאָלאָנעז"-אָריגינאַל,
שעפּן זיי וואַסער פון אמתן קוואַל,
ביי די ליטעראַרישע טישלעך,
און פּראַווען „וויין" אין גענזנפּיסלעך,
סיי זויערלעך און סיי זיסלעך,
וואָרום אַ כּפּרה — זאָגט מיעטעק — טויזנט קראַנען
פאַר איין פּאָר גראַפּאָמאַנען!...

אביסל ביגאָס

די האַלב־גבאי'טע, האַלב־אַקטיאָרקע,
די עקסצענטרישע *פליאָרקע,*
פריילין *אַלאַ,* די באָהעמע־אַמאַטאָרקע.
דאָס יידישע „שיקסל", די בלאָנדינקע
האַלינקע, —
זיי ברויען און „דרייען די קאַטאַרינקע"
סיי ביי די רעכטע, סיי ביי די לינקע,
און צוזאַמען מיט דעם קליינעם *שטערן*
זוכן זיי מיט אַ לאַמטערן
אַ הלואהלע אין בונדישן „מולען־רוזש" —
5 גראָשן פאַרן סטרוזש...

ערשט די יינג־דיכטער־כאַליאַסטרע פונם באַר
מיט אויגן דורשטיקע נאָך אַביסל האָנאָראַר:
פאַפיערניקאָוו, וואָס דאַרף ווי ס'לעבן אַן „אַבאָנענט",
רובינשטיין מיט די צעזונגענע הענד,
ליס, פערלאָוו, קאָן און *קאַדי,*
(יעדער איינער אַ פאַרטיקער יְגעטע אַודאי!),
זיי בילדן דעם רוחניות־טייל, די נשמה־יתרה־דאָזע
אין דער גשמיותקייט און אין דער פראָזע
פון דער אַרומיקער האָלאָטע...
און עס טרעפט: ס'פאַרוואַלגערט זיך אַ זלאָטע
אין טאַש אַמאָל ביי איינעם פון די חברים —
ווערט מען אויסברענגער, הפקרים,

חגי

און מען פּראַוועט בשותּפות שבת
(צווישן אונז בלייב עס...)
ביי אַ גלעזל „האַלבע־שוואַרץ"...
דאַן צעעפנט זיך ברייט דאָס דיכטער־האַרץ
און עס גייט אַ סדרה „שירי־המעלות"
מיט קעלבערנע התפּעלות,
מיט אויגן־גלאָצעניש און שכינה־התגלות
און מיט — דלות, דלות
איבער אַלעס !...

*

ניין, ניין, חברים — אויסגעשלאָסן !
איך שווער אייך (חבר'טע שרה האָט געגאָסן!) :
נישט צוליב די אַלע דאַזיקע שאַלאַמויזן
האָט געקעמפט און פאַרלוירן די הויזן
דער גרויסער חבר *רויזן*, (ראָזען בלע"ז),
נישט צוליב דעם האָט אונזער כוואַט
יענקעלע פּאַט
מיט מאַרקס'ן, ענגעלס און אַנדערע קאַמעראַדן
געקעמפט אויף טלאָמאַצקער באַריקאַדן
מיט אַ בונדיסטישע שפּאַגע !

אַלזאָ שפּראַך *חגי*.

וואַרשע, 1931, 20־סטן סעפּטעמבער
קאָאָפּעראַטיווער רעסטאָראַן (טלאָמאַצקע 13)

פרייז 1 זל.

פארקויף:
„GRAFICON" Warszawa, Marszałkowska 131 Tel. 286-50.

(20

װוּנדערע װערקן, מיט צוגרייטן די דרוק װעגן ייִדישע גראַפֿיק, װאָס אַנטהאַלט די גרעסטע צאָל קינסטלערישע מײַסטערן פֿון שער־לעטער, דער שריפֿטן און ייִדישע װױנונגען.

Chajim Goldberg (Chagi) gb. Lukow 1888, chass. Fam. Bis 17. Lbsj. ausschl. Talmudst., gleichz. Inter. f. Kst. u. hebr. Lit. Veröfftl. früh in jidd. u. hebr. Ztt. eig. lit. Art., z. T. m. Illustr. Läßt sich nach einigen Studienjahren in Dtschl. 1912 in Warsch. nieder, Graphik.

(19

חיים גאָלדבערג (פּסעוד. חגי). קינסטלער=גראַפֿיקער.
געבוירן אין פּוילן, אין שטעטל לוקאָוו (Łuków), שעדלעצער
וואָיעוואָדסטווע, אין יאָר 1888, ביי אַ חסידיש בעל-בתּישער פֿאַמיליע.
ביז 17 יאָר געלערנט תּלמוד, געגרייט זיך צו ווערן רב. גלייכצייטיק
באַשעפֿטיקט זיך געהיים מיט מאָלעריי און העברעיִשער ליטעראַטור. שפּעטער
פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאַרשיידענע העברעיִשע און ייִדישע צייטשריפֿטן לידער
און איליוסטראַציעס אונטער אַלערליי פּסעוודאָנימען און אויך איגענע איליוסטרירטע
אויסגאַבן. לערנט עטלעכע יאָר אין דײַטשלאַנד. פֿון 1912 באַזעצט זיך אין
וואַרשע. ענטוויקלט אַן אינטענסיווע קינסטלערישע טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון ייִדישער
גראַפֿיק, באַטייליקט זיך אין אַלע ווערטיקע ייִדישע איליוסטרירטע אויסגאַבן.
אַ רייע יאָרן — כּמעט דער איינציקער אין וואַרשע קינסטלערישער בעל-מלאכה
פֿאַר די ייִדישע פֿאַרלעגער, אין צייכענונג, וואָס ווערט פֿון זיי אַרויסגעגעבן,
ייִדישע ביכער, ייִדישע בילדער, ייִדישע אַנזיכטס-קאַרטן — רעקלאַמען, צייכענונג
זײַנע באַמערקונגען אַן עסטעטישן אַרויספֿירונג אויסזען. ער איז אויך
(איינער פֿון די)
פּיאָנערן אין שאַפֿן פֿון מאָדערנע ייִדישע צייט-שריפֿטן, וועמענס סטיל און
נײַהייטן ס'ווערן ביז הײַנטיקן טאָג נאָכגעפֿאָלגט פֿון אַ סך ייִדישע קינסטלער
אין שריפֿט געזעצווען. אויך דעם געביט פֿאַרעפֿנטלעכט ער אין ייִדישע
צייטשריפֿטן אַרטיקלען וועגן רעפֿאָרם פֿון ייִדישן אַלף-בית מיט מוסטערן
פֿון רעפֿאָרמירטע ייִדישע-שריפֿטן. — אויסגעשטעלט זײַנע ווערק ביי דער "ייִדישער
קונסט-געזעלשאַפֿט" אין וואַרשע. — ביז הײַנטיקן טאָג פֿירנט ער זיך, צווישן

Otto Schneid
Papers

About Goldberg, Haim

2:8